NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13263

TSIP TSOP HEMERL

B. Gutianskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

13|35093
1935
1932

ציפּ, צאַפּ, העמערל,
פאַראַן בּא אונדז א קעמערל.

„אפּיקאָרסים“ הייסט עס,
אלצדינג ווייסט עס.

בּין איך אויך געגאַנגען
א מעלדונג צו דערלאַנגען.

דערלאַנגט און פאַרשריבּן
און בּין שוין דאָרט געבּליבּן.

האָבּ איך מיר אדאָרט אן אָרט,
וויל איך, נעם איך אויך א וואָרט:

— אין גאָט גלייבּ איך ניט,
אין ניס שפּיל איך ניט,
און דאַווענען וויל איך ניט.
דעם סידער כ׳האָבּ פאַראַמט שוין,
קיין מאַצע ל׳איך ניט כראָמטשען.

ווייל איך בּין אן אפּיקוירעס
קעגן שימל פון די דוירעס!

נידער, נידער, קידער, ווידער
מיט דער קלויז און מיטן סידער.
מיטן רעבּן, מיטן כּיידער,
מיט די מאצעס, מיטן סיידער!

פּייסעכ?
ווייס איכ...

באָבע־מײַסע,
מיט א ציגעלע א ווײַסן —
ניט געשטויגן,
ניט געפלויגן,

ווייס איכ וואָס, און ווייס איכ ווען —
א טויבּער האָט געהערט
און א בּלינדער האָט געזעען!

פּאטשן יאטן „בּראוואָ!" „בּראוואָ!"
— פּייסעכ וועלן מיר ניט פּראוועןנ!

האָט מענ אָפגעזאָגט די ווערטער,
שטייט מענ אופעט פונ די ערטער
אונ מע שטעלט זיכ אויס צו פירענ,
אונ אוועק אינ גאס מארשירנ.

שפאנענ יאטנ
מיט פלאקאטנ
איבער שטאָט:
נידער מיט דער פינצטערקײט,
אונ נידער מיטנ גאָט!
זינגענ יאטנ אָט אזוי:

Долой, долой, долой, долой
Раввинов и попов!

נידער, נידער, נידער
מיטנ גאלעכ, מיטנ ראָוו!

טײטנ
לײטנ
מיט די פינגער
אפ די יאטנ,
וואָס זיי זינגענ,
אפ פלאקאטנ,
אפ די פאָנענ,
וואָס זיי טראָגנ.

אפ די גאסנ,
אפ באלקאָנענ,
אפ די ראָגנ
שטייענ מענטשנ אָנ א צאָל
אונ מע לייענט אפ א קאָל:

אלטע באבעס, אלטע ייִדן
זײַנען זייער גיט צופרידן
און מע זידלט, און מע שעלט:
— אוי, א וועלט! אײַ, א וועלט!
און דער אוילעם קוקט און קוועלט,
וואָרעם איינער האָט א ווייטעק,
און דעם אנדערן געפעלט.

אטע, באטע,
קומט דער טאטע
פונ דער גאס.
אטע, באטע,
אונ דער טאטע
כאפט דעמ פאס.
אטע, באטע,
שטייט דער טאטע
בא דער טיר.
אטע, באטע,
אונ דער טאטע
מאכט צו מיר:

— אײַ, דו, אפּיקוירעס קלײנער,
דו אזוינער און אזוינער!
וועסט אין גאַס מיר זינגען לידער?!
וועסט מיר שרײַען „בידער", „נידער"?!
לייג זיך נאָר אַנידער!

הער זשע, טאטע, בירגער שימענ,
ווילסט מיך שלאָגנ מיטנ רימענ,
דארפ מענ דאָך די פראגע שטימענ!
דארפ מענ מיך דאָך אויכעט פרעגנ:
נו, און טאָמער בינ איך קעגנ?

טאטע, טאטע, כ׳האָב געהערט,
אז שלאָגנ קינדער איז פארווערט,
טאטע, כ׳האָב געהערט זאָגנ,
אז מע קאָנ זיך גיינ קלאָגנ,
אז מע קאָנ נאָך נעמענ אינ ראיאָנ...
טאטע! הייב זיך בעסער גאָר ניט אָנ!



ציפ, צאָפ העמערל,
קומ צו מיר אינ קעמערל,
איכ וועל דיר עפעס ווײַזנ,
אנ אפיקאָרסימ־קרײַזל,
טאטע, גיי,
טאטע, זע,
טאטע, הער.
טאטע, טו א גוטנ קלער:
אנ אפיקוירעס ווער!



פֿארשרײַבן זיך וועט ער,
ניט איצטער, איז שפּעטער,
ניט שפּעטער, איז איבעראַיאָר, —
קלאָר!
דערום בין איך אַן אפּיקוירעס,
קעגן שימל פֿון די דוירעס.

פרײַז 35 קאָפּ.

686

Б. ГУТЯНСЬКИЙ

"Ц И П - Ц А П"

(Безвірник)

ЦЕНТРВИДАВ

Київ. Міськліт № 2730—4000 УПО Київ. Шк. ФЗУ № 4 Зам. № 1872